בעזרת השם יתברך

# א פסוק חומש

## חיזוק פאר די וואך

תשפ"ב | גליון קל"ג

# פרשת שמות-וארא

**הערות:**
torah10952@gmail.com

יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה
וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה (תהלים צ, י)

# פארוואס וויל נישט א מענטש טראכטן פון שטארבן?

## וויאזוי קען מען מאכן אז דער מחשבה זאל זיין א חיזוק און נישט קיין דיפרעסיע?

יעדער ווייסט אז דער טאג גייט קומען און מען וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען דערפון. און הגם מען ווייסט אז יעדן'ס לעבן גייט זיך אמאל ענדיגן, איינער שפעטער, איינער פריער און מען גייט נישט זיין אנדערש פון די שכן, חבר אדער זיידע, דאך וויל דער מענטש נישט טראכטן פון דעם.

דאס נישט וועלן טראכטן פון שטארבן איז אזוי פיינפול פארן מענטש, אז נישט נאר וואס ער וויל נישט טראכטן דערפון, נאר אפי' רעדן דערפון וויל ער אויך נישט. ווען מען רעדט נאר פון די נושא, תיכף קומט דער צעקה, "וואס ווילסטו? איך זאל ווערן דיפרעסט?"

דער מענטש מאלט עס אפ אין מוח ווי עפעס זייער א ווייטע זאך, עפעס וואס גייט אפשר קיינמאל נישט געשעהן. און אפי' ווען עס בוזשעוועט א מחלה, נעמט דאס דער מענטש אויך נישט צו ערנסט און פירט זיך ווייטער כרגיל ווי גלייך נישט אים מיינט מען.

**פארוואס איז דאס אזוי?**
פארוואס האבן מיר אזוי מורא פונעם שטארבן? און ווי אזוי קען מען מאכן דער מחשבה פאר א חיזוק ווי ענדערש א דיפרעסיע? די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז....

**לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך!**

# וּמֹשֶׁה בֶּן שְׁמֹנִים שָׁנָה וְאַהֲרֹן בֶּן שָׁלֹשׁ וּשְׁמֹנִים שָׁנָה בְּדַבְּרָם אֶל פַּרְעֹה.

**(וארא ז, ז)**

די תורה דערציילט אז ווען משה רבינו איז דער ערשטע מאל געשטאנען פאר פרעה איז ער אלט געווען אכציג יאר און זיין ברודער אהרן דריי און אכציג יאר.

שטעלט זיך דער קשיא: למאי נפקא מינה? וואס איז פאר אונז א נפק"מ ווי אלט משה און אהרן זענען דעמאלטס געווען? מיר ווייסן דער כלל אז איבעראל ווי דער תורה זאגט א סכום פון יארן קומט עס עפעס צו לערנען. (ע' מגילה סוף פרק ראשון)

און אויב איז דאס יא וויכטיג, פארוואס שטייט עס פונקט יעצט? פארוואס נישט עטליכע פסוקים פריער ווען דער אייבערשטער האט זיי געהייסן גיין צו פרעה?

ועל כולם, די קשיא ווערט נאך שווערער ווייל א טאג דערויף איז משה געווארן איין און אכציג און אהרן פיר און אכציג. ווי די אוחה"ק זאגט אז משה און אהרן זענען געווען די יארגאנג נאר יענעם טאג **"בהתחלת דברם"**[א] און נישט שפעטער. אויב אזוי, ווערט דאך הערשט שווער, פארוואס דארפן מיר וויסן ווי אלט משה און אהרן זענען געווען דייקא ווען זיי האבן גערעדט צו פרעה די ערשטע מאל?

**זאגט דער ספרונו:** דער תורה וויל אונז דא דערציילן א געוואלדיגע מוסר השכל: כאטש וואס משה און אהרן זענען געווען אינעם טיפן עלטער פון אכציג יאר, וואס אפי' אין יענע צייטן האט עס געהייסן אלט, (ווי דוד המלך זאגט אין תהילים, **"יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה"** (צ, י). אזא איינער איז שוין אדורך די ימי זקנה און שוין אריין און די העכערע יארן) און זיי וואלטן זיך געקענט עטוואס ארויסדרייען מיטן זאגן, "וואס וויל מען פון עלטערע אידן ווי אונז? ענדערש גיי צו די יונגערע דור..."

אעפ"כ, **עם כל זקנתם השכימו והזרזו לרצון קונם**, טראץ זייער טיפן עלטער, זענען זיי געלאפן ווי צוויי פרישע יונגעלייט און אנגעהויבן א נייע ארגענעזאציע, א נייע קהילה, מיט א נייע מיסיע: מען גייט צו פרעה, מען גייט ארויסנעמען די אידן פון מצרים...

און אט דאס קומט די תורה אונז לאזן הערן: משה און זיין ברודער אהרן זענען געווען אין די אכציגער יארן **"ביים אנהייבן רעדן מיט פרעה"**, יא! ביי די אכציג יאר, וואס נארמאל אין אזא יארגאנג געבט מען שוין אויף אויפן לעבן, זענען משה און אהרן געווארן יונג און פריש און זיך אריינגעווארפן אין א נייע פראיעקט!

ענדליך צו דעם, געפונען מיר ביים גרויסן תנא הלל הזקן וואס איז געווען 40 יאר ווען ער איז ארויף פון בבל קיין ארץ ישראל, געזעצט לערנען תורה ביי שמעי' און אבטליון פאר נאך 40 יאר און הערשט ביי די אכציג יאר איז ער געווארן דער גרויסע נשיא פון כלל ישראל.

הלל וואלט אויך געקענט זאגן, "וואס? ווען? **יעצט** ביי די **אכציג יאר** זאל איך אנהייבן מיט א פרישע נייע זאך פון פירן דעם עדה הקדושה?! (נאך דערצו בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען עס זענען געווען פיל מער שאלות און הלכות ווי נאכדעם,) דאך האט דער תנא זיך נישט געזוימט, נאר זיך געשטארקט ווי א יונגע לייב און איבערגענומען די נשיאות און געפירט כלל ישראל מיט א זעלטענעם שיינקייט פאר נאך פערציג יאר, עד יום מותו ביי די 120 יאר!

הונדערטע הלכות אין ש"ס וואס זענען אנגענומען געווארן להלכה לדורות, זענען אלע פונעם גרויסן תנא הלל פון יענע תקופה נאך זיין אכציג יאר!

אזוי אויך און אויף א פיל גרעסערע פארנעם, איז געווען ביים גרויסן רבי'ן משה. ביי די אכציג יאר, א צייט וואס אפי' נביאים ווערן שוואך (ע' אבן עזרא שם), איז משה (מיט זיין ברודער אהרן) געווארן יונג און פריש, און אפי' ממשיך געווען צו זעהן נבואות פאר נאך פערציג יאר ביז זיין הונדערט און צוואנציג. אויף דער עלטער, האט ער אויפגעטוהן אוצרות עצומות עד יום מותו און נפטר געווארן ווי א לייב, ווי דער תורה זאגט עדות: **וּמֹשֶׁה בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה בְּמֹתוֹ, לֹא כָהֲתָה עֵינוֹ וְלֹא נָס לֵחֹה"** (דברים לד, ז).

## וואס מאכט די צדיקים פריש?

לאמיר פארשטיין: ווי אזוי ווערן צדיקים פריש בשעת וואס יעדע מענטש אין זייער עלטער ווערט שוואך, מען געבט שוין האלב אויף אויפן עוה"ז און מען גרייט זיך צו גיין פון די וועלט?

**דער תשובה:** עס ווענדט זיך וואס דער "יום המיתה" מיינט פאר א מענטש! אויב דער טויט מיינט אז **מען געזעגנט זיך פון דער עוה"ז**, דעמאלטס אודאי איז דער מחשבה אין די עלטערע יארן "גענוג געטוהן! יעצט איז דער צייט פארן יונגערן דור צו טוהן..." אבער אויב דער "יום המיתה" מיינט אז מען גרייט זיך צום עוה"ב און אט אט גייט מען זיך טרעפן בעוה"ב, דעמאלטס איז דער מחשבה, "לאמיר אריינכאפן יעדע רגע וואס איך בין נאך דא ווייל אט אט גיי איך שוין און איך וועל שוין מער נישט קענען פארדינען!"

---

[א] כמש"נ בדברם אל פרעה, דהיינו בהתחלת דברם, ולא אחרי כן עי"ש.

# פארוואס לעבן מיר לאנג?

דוד המלך זאגט אין תהילים, "**יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת "שְׁמוֹנִים שָׁנָה"**, דער צייט אפשניט וואס א מענטש דארף האבן אויף דער וועלט צו קענען זוכה זיין צו עוה"ב איז זיבעציג יאר. (ווי דער צדיק דוד האט זוכה געווען צו באקומען פונקט 70 יאר במתנה פון אדם הראשון.) מער פון דעם דארף מען נישט! אבער אויב דער מענטש איז א שטערקערע מענטש, ער קען אויפטוהן מער, געבט מען אים צו נאך יארן.

דאס אלעס איז אבער נאר כדי זוכה צו זיין צו עוה"ב, ווייל פאר עוה"ז פעלט נישט אויס אזויפיל יארן. אדרבה, אלטס עלטער א מענטש ווערט, אלטס שוואכער ווערט ער און אלטס ווייניגער אינטערעסע האט ער צו עוה"ז.

ווי די בעלי מוסר פלעגן כסדר זאגן: "צייט קען זיין א ביליגע זאך און א טייערע זאך, עס ווענדט זיך וואס מען טוט מיט דעם..." אויב מען נוצט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין, איז צייט זייער טייער און מען וויל נאר ווי מער. אבער אויב מען פארפאטשקעט די צייט, איז דאס זייער א ביליגע זאך און אפי' דאס וואס מען האט שוין יא, זוכט מען אויך פטור צו ווערן!

**ווען מיר ציילן ווי אלט מיר זענען**, ווענדט זיך ווי אזוי מיר נעמען דאס אן. פאר דער וואס דער עוה"ז איז דער עיקר, פאר אים איז זייער שווער זיך צו געזעגענען פון דער וועלט, ער וויל עס אנכאפן מיט אלע 10 פינגערס ווייל ער האט כסדר מורא אז באלד גייט מען דאס צונעמען פון אים. דערפאר, ווען ער ווערט עלטער און דער שוואכקייט ענטפאנגט אים, ווערט ער מיאוש, כלומר דער צייט קומט שוין נענטער, ער מוז שוין נאכלאזן און מאכן פלאץ פאר די יונגערע דור איבערצונעמען.

משא"כ, פאר דער וואס יענע וועלט איז דער עיקר און די וועלט איז נאר א מארק וואו מען קויפט איין פאר יענע וועלט, אזא איינער האלט נישט אן די וועלט מיט זיינע צען פינגער[ב] ווייל ער ווייסט אז די וועלט איז נישט דער עיקר תכלית, נאר א צייט-ווייליגע דירה וואו ער וואוינט כל זמן ער איז אויפן מארק איינצוכאפן און פארדינען.

ביי אזא איינער איז פונקט פארקערט! ווען ער ווערט עלטער און דער שוואכקייט ענטפאנגט אים, דעמאלטס באקומט ער א שטארקע התעוררות און פרישקייט אז ער דארף איינכאפן ווייל דער צייט קומט שוין נענטער און ער טראכט, "לאמיר איינכאפן ווי מער כדי איך זאל נישט אנקומען מיט ליידיגע הענט!"

**טראכטן און רעדן וועגן שטארבן מוז נישט זיין א ווארט פון דיפרעסיע, נאר עס דארף גאר דינען ווי א ווארט פון חיזוק! כלומה, "כאפט איין און נוצט אויס דער צייט ווי מער!" און אדרבה, ווען א מענטש שטופט אוועק די מחשבה פון שטארבן, ווערט ער פארבלאנזשעט פון די תכלית פון דער וועלט!**

צדיקים האבן אויך געוואלט לעבן ווי לענגער, זיי האבן זיך אויך געוואונטשן אריכת ימים ושנים טובים, אבער נישט פאר די זעלבע סיבה ווי מיר, נאר פונקט פארקערט! ווייל זיי האבן געוואלט ארויסקעש"ן דער מאקסימו"ם פארדינסט פון דער וועלט לעוה"ב...

**וואו קען מען זעהן דער חילוק?**

ווען מען זאגט פאר א מענטש, "דו גייסט שטארבן", ווערט ער דיפרעסט אדער פריילך? אויב ער ווערט דיפרעסט, מיינט אז ער וויל זיך נישט געזעגענען פון עוה"ז און האט מורא פונעם עוה"ב. אבער אויב ער ווערט פריילך, מיינט אז ער וויל איינכאפן און זיך גרייטן לעוה"ב. אדרבה, ער וואלט געווען פריילך צו וויסן ווען ער גייט שטארבן כדי ער זאל זיך קענען גרייטן, ווי דוד המלך האט געבעטן דעם אייבערשטער, "זאג מיר ביטע ווען איך גיי שטארבן... איך דארף דאס וויכטיג וויסן!"

**וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חֹלֶה...** (מח, א). זאגט דער מדרש[ג]: יעקב איז געווען דער ערשטע וואס איז קראנק געווארן. ביז דעמאלטס, ווען עס איז געקומען די צייט צו שטארבן, האט דער מענטש נישט געוואוסט פריער, נאר ער האט געמאכט א סניי"ז און תיכף אוועק פון דער וועלט. יעקב אבינו, וואס האט גע'דאגה'ט פאר זיין עתיד און געוואלט זוכה זיין צו עוה"ב ווי מער, האט געזאגט אז עס קען ווייטער נישט זיין אזוי, א מענטש דארף האבן צייט זיך צו מסדר זיין און גרייטן. דערפאר, האט ער געבעטן אז מען זאל כאטש עפעס מודיע זיין פארן מענטש און כך הוי, ער איז טאקע געווען דער ערשטע וואס איז קראנק געווארן כדי... ער זאל זיך קענען גרייטן...

# דער צדיק יעקב לערנט אונז...

**וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי אֵלְכָה וְאֶרְאֶנּוּ בְּטֶרֶם אָמוּת** (ויגש מה, כח). יעקב אבינו האט געהערט אז יוסף לעבט און ווערט זייער פריילך און זאגט, "לאמיר שוין גיין "בטרם אמות".

לכאורה דארף מען פארשטיין: וואס איז אזוי וויכטיג פאר יעקב צו זעהן יוסף דייקא פאר ער שטארבט? יעקב האט דאך אודאי נישט מורא געהאט פונעם שטארבן און אודאי איז דאס נישט ווייל ער האט געוואלט איינכאפן נאך א הנאה בעוה"ז, ווי דער חת"ס זאגט (עה"פ אמותה הפעם): **כי הצדיקים לא אכפת להו במיתתם, כי שמה הם למנוחות...**

זאגט דער רמב"ן (שם עה"פ רב עוד יוסף...): דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר יעקב אז ער וועט ניצול ווערן מדיני של גיהנום און זוכה זיי צום גרויסן גליק בעוה"ב פון **מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ...** (תהלים לא, כא) אויב קיין איינע פון זיינע קינדער וועלן נישט שטארבן בחייו.

די אלע יארן זענען געווען זייער שווער פאר יעקב ווייל וואס האט ער פון זיין לעבן אויב ער גייט נישט זוכה זיין צו עוה"ב?! זיין גאנצע תכלית פון עוה"ז איז דאך נאר געווען איינצוכאפן לעוה"ב!

---

[ב] ווי מיר געפונען ביי רבינו הק' לפני פטירתו אז ער האט אויפגעהויבן זיינע 10 פינגער און געזאגט, "לא נהינתי מעוה"ז אפי' באצבע קטנה"..

[ג] עד יעקב לא הוה חולשא אתא יעקב בעא רחמי והוה חולשא שנאמר (בראשית מח, א) ויאמר ליוסף הנה אביך חולה. פי' רש"י בעא רחמי והוה חולשא - שיחלה אדם לפני מותו ויצוה לביתו: (ב"מ פז.)

אבער ווי נאר ער האט געהערט אז זיין זוהן יוסף לעבט אין מצרים, איז ער געווארן זייער פרייליך, **"רַב" עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי**, כלומר יעצט וועל איך זוכה זיין צום "רב", דהיינו **עוה"ב הנקרא רב**, ווייל דאס איז ווערד זייער אסאך, עפעס וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט, יום שכולו ארוך. משא"כ, עוה"ז, וואס איז גארנישט ווערד, נקרא "מעט". (עי"ש)

יעקב איז אבער נאכנישט געווען אינגאנצן צופרידן, ווייל ער האט געהאט א חשד אז אפשר איז יוסף נישט געבליבן ערליך, **אֵלְכָה וְאֶרְאֶנּוּ בְּטֶרֶם אָמוּת**. אבער ווי נאר יעקב איז אנגעקומען קיין מצרים און געזעהן אז דער צדיק יוסף איז עומד בצדקו, האט ער אויסגערופן מיט שמחה, **"אָמוּתָה הַפָּעַם"** (מו, ל), יעצט, אחרי ראותי את פניך, קען איך שוין שטארבן... **מיתתי שלימה** כי עודך חי, איך זעה אז דו לעבסט, ווי דער אוהח"ק זאגט (שם): ביי צדיקים מיינט לעבן, "לעבן ווי איד!"

**וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם...** טייטשן די ספה"ק: יעצט, נאך יעקב האט זיך דערוואוסט אז ער גייט יא זוכה זיין צו עוה"ב, יעצט האט ער אנגעהויבן לעבן. **וַיְהִי יְמֵי יַעֲקֹב "שְׁנֵי חַיָּיו"...** טייטשט דער כתב סופר: נישט נאר די 17 יאר האבן אנגעהויבן לעבן, נאר אלע זיינע פריערדיגע יארן האבן אויך אנגעהויבן לעבן, די אלע טעג זענען יעצט געווארן לעבעדיגע טעג, טעג וואס מען איז זוכה צו עוה"ב.

**וּמֹשֶׁה בֶּן שְׁמֹנִים שָׁנָה וְאַהֲרֹן בֶּן שָׁלֹשׁ וּשְׁמֹנִים שָׁנָה בְּדַבְּרָם אֶל פַּרְעֹה,** ביי די צוויי צדיקים משה און אהרן איז דער וועלט געווען א פלאץ ווי מען דארף אריינכאפן און זיך גרייטן צו עוה"ב. דערפאר, פאר זיי איז נישט געווען קיין חילוק ווי אלט זיי זענען געווען. אדרבה, ווי עלטער זיי זענען געווען, אלטס מער האבן זיי געזוכט אריינצוכאפן. הערנדיג זייער נייע שליחות פונעם אייבערשטען, זענען זיי תיכף אויפגעשפרינגען און געזאגט, "מיר קענען זיין שלוחים למקום? מיר קענען האבן די זכות ארויסצונעמען די אידן פון מצרים? תיכף געגאנגען! לאמיר אריינכאפן ווי מער ביז די הונדערט און צוואנציג יאר!

און טאקע דאס האט דער גרויסע נשיא הלל וחביריו געטראכט, "עד יום מותו איז א שאד אז מיר זאלן נישט אריינכאפן!"

דאס איז פשט אין די משנה (קנים ג, ו): **רבי שמעון בן עקשיא אומר זקני עם הארץ כל זמן שמזקינין דעתן מיטרפת עליהן** זיי ווערן עלטער און ווילן ווייניגער ווייל ווי עלטער זיי ווערן, אלטס ווייטער ווערן זיי פון זייער ציל משא"כ **זקני תורה אינן כן אלא כל זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן** זיי ווערן יונגער און פרישער און זוכן נאר צו ווערן נענטער צום ציל.

ואולי, מיט די בחינה קען מען טייטשן די ווערטער אין קהלת (י, ב): **לֵב חָכָם לִימִינוֹ וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ**. ווי אונזערע רבי'ס פלעגן טייטשן: א ת"ח קוקט אויף די רעכטע זייט פון די גמרא כלומר, "קוק וויפיל איך האב שוין געלערנט! קוק וויפיל איך האב שוין אריינגעכאפט! מיינע יארן ריקן זיך, לאמיר נאך אריינכאפן ביז איך וועל ענדיגן די מסכת!" משא"כ, דער ע"ה קוקט אויף דער לינקע זייט כלומר, "קוק וויפיל בלאט איך דארף נאך לערנען... לאמיר אינדשויע"ן ליי"ף ווייל איך האב נאך גענוג און נאך צייט!"

## מוסר השכל...

בזמנינו אלה, איז דער איד זייער צומישט! פון איין זייט, שטופט ער אפ דער זמן המיתה, טראכטנדיג, "עס איז גוט... דו וועסט וויפיל צייט איך האב נאך... לאמיר זיך פארגינען... ליי"ף איז גו"ד..." אבער פון די אנדערע זייט, ווען עס קומט שוין יא די מחשבה אז וואס גייט זיין און מען ווייל זיך שוין יא נעמען, ווערט מען אינגאנצן דיפרעסט...

לאמיר געדענקן: טראכטן און רעדן וועגן שטארבן מוז נישט זיין א ווארט פון דיפרעסיע, נאר עס דארף גאר דינען ווי א ווארט פון חיזוק! כלומר, "כאפט אריין און נוצט אויס דער צייט ווי מער!"

ווען א מוסד מאכט א ראפפעל, ווען זיי הענגן צעטליך איבעראל "נאך צוויי טעג צום גורל!", "היינט נאכט איז דער גורל!" וואס ווילן זיי זאגן? יעדער פארשטייט דער מעסעד"ש אן קיין צווייפל אז זיי ווילן מזרז זיין דער עולם צו שנעל אריינכאפן די לעצטע געלעגנהייט איידער עס ענדיגט זיך!

לאמיר זיך לערנען צו ציילן די טעג און יארן (במחשבה) און אננעמען יעדע יאר ווי אן אוצר פאר זיך. ווי דער גרויסע תנא רבינו הק' האט זיך צו-וויינט, "יש קונה עולמו בשעה אחת" (ע"ז י"א.). אויב איין מינוט איז אזוי טייער, שטעלט איך פאר ווי טייער די גאנצע לעבן איז! כל זמן וואס דו לעבסט, כאפ אריין!

לאמיר זיך לערנען פונעם הייליגן מהר"ם שי"ף זצ"ל וואס איז אוועק יונגערהייט ביי בלויז 36 יאר. (ווי עס שטייט אין די הקדמה פון זיין ספר) וואלט דאך א מענטש געקענט טראכטן, "וואס קען מען שוין דערגרייכן אין אזא קליינע צייט?"

דער תשובה איז: דער מהר"ם שי"ף! אין אט אזא קורצע צייט, האט דער מהר"ם שי"ף זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס עטליכע מאל און נאך שרייבן א חיבור אויף גאנץ ש"ס.

אויב דער גאון וואלט געלעבט מיט דעם הסתרה אז ער האט נאך אסאך יאר, וואס וואלט געווען מיט זיינע ספרים?

דער גאון האט אבער נישט אזוי געזאגט, נאר יעדן טאג איז אים געווען אן אוצר פאר זיך!

לאמיר אריינכאפן ווי מער און אויסנוצן די צייט מיט שמחה ווייל א מענטש קען קיינמאל נישט וויסן "יום מותו"!

## מעשה רב

אין איינע פון די שטעטלעך, האבן זיך באזעצט חסידים פון דער גרויסע רבי, דער שר שלום פון בעלז. זייענדיג עטליכע צוזאמען, האבן זיי אנגעהויבן פארפירן אז מען דארף בויען א מקוה, א חסיד דארף דאך גיין אין מקוה יעדן טאג!

דער רב אין שטעטל, זייענדיג א ת"ח אבער נישט קיין חסיד, האט נישט געשמעקט דער גאנצע מצב און קאלטערהייט אפגעווארפן די חסידים זאגנדיג אז עס שטייט נישט אין ערגעץ אז מען דארף גיין אין מקוה יעדן טאג!

די חסידים האבן נישט נאכגעלאזט און ויהי היום, דער שר שלום פון בעלז איז אנגעקומען אין שטאט. דער רב איז תיכף אריבער צום רבי'ן און זיך באקלאגט אז זיינע חסידים בונטעווען אנטקעגן אים, ופרט וועגן דעם ענין פון מקוה, ווען עס שטייט נישט אין כל התורה כולה אז מען דארף גיין אין מקוה יעדן טאג!

דער בעלזא רב האט זיך אנגערופן מיט וואונדער, "ערשטנס, לאמיר אייך פרעגן, האט איר שוין געלערנט כל התורה כולה, ספרא, ספרי, תוספתא, אלעס אלעס, אז איר קענט זאגן מיט א זיכערקייט אז עס שטייט נישט אין כל התורה כולה?! צווייטנס, וויל איך אייך זאגן אז עס איז א גמרא מפורשת...

חז"ל זאגן אונז (שבת קנג.): שוב יום אחד לפני מיתתך. פרעגט די גמרא: ווייסט דען א מענטש ווען ער גייט שטארבן אז ער קען תשובה טוהן איין טאג פארדעם? ענטפערט די גמרא: וכל שכן, ישוב היום שמא ימות למחר, ונמצא כל ימיו בתשובה, טאקע ווייל ער ווייסט נישט, זאל ער תשובה טוהן יעדן טאג!

די הלכה איז אז א גר און א בעל תשובה, אפי' זיי האבן אלעס געטוהן, איז דער טבילה וואס זיי מאכן לשם תשובה, דאס איז דער גמר פון די גירות און דער עיקר פונעם תשובה.

קומט אויס אז אויב א מענטש וויל תשובה טוהן יעדן טאג, דארף ער גיין אין מקוה יעדן טאג!"

דער רב איז פארוואונדערט געווארן פונעם שיינעם פשט ומהיום והלאה, איז ער געווען איינשטומיג מיט די חסידים אז מען דארף גיין אין מקוה יעדן טאג.

### לאמיר זיך מתבונן זיין:

וואס האט געכאפט דעם רב? דער חידוש אינעם "ישוב בכל יום"! דער רב האט אויך געוואוסט אז א איד דארף לעבן מיט דעם "ישוב בכל יום", אז יעדן טאג דארף מען טראכטן אז אפשר גייט היינט זיין דער טאג. דער בעלזא רב האט אים נאר מחדש געווען אז דאס איז נישט בלויז א דמיון, נאר אן אמת'ע מציאות פון זיך גרייטן ריכטיג ווי אן אמת'ע בעל תשובה. דערפאר, דארף מען גיין אין מקוה יעדן טאג...

די גמרא (ברכות ה.) געבט עטליכע עצות וואס א מענטש זאל טוהן אם פגע בך מנוול זה ביז דער לעצטע עצה פון "יזכיר לו יום המיתה. אויב דער יום המיתה" וואלט געמיינט א דיפרעסיע, וואלט די גמרא אודאי נישט געגעבן אזא עצה!

נאר יזכיר לו יום המיתה מיינט אן ענין פון התעוררות! זיי נישט נישט קיין נער און פארפאטשקע נישט די צייט ווייל אט אט גייט מען שוין נישט זיין דא!

ולפי"ד, קען מען צולייגן נאך מער: אויב דער מענטש דארף לעבן מיטן "יום המיתה", תשובה טוהן יעדן טאג כדי עס זאל זיין תשובה לפני מותו, וועט דאך דער מענטש אודאי נישט זוכן נייע חרבנות. ווי דער רבי ר' הערשעלע מרימנוב האט געזאגט אז ער האט זיך אפגעלערנט פון זיין שניידעריי אז אלטע פארריכט מען און נייע זאל מען נישט קאליע מאכן!

## מאמר החכם:

דער ענין פון שטארבן איז גלייך צו א וועקער זייגער. ביי איינעם האט עס א כח אים אויפצו-וועקן פון זיין טיפן שלאף און ביי א צווייטער מאכט עס אז ער זאל זיך איבערדרייען אויף די צווייטע זייט און צוריק איינשלאפן אין א טיפערן שלאף!